בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת אמור

# חידו"ת לפרשת אמור

**אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אלהם לנפש לא יטמא בעמיו, כי אם לשארו הקרב אליו לאמו ולאביו ולבנו ולבתו ולאחיו.**

דער אבן עזרא זאגט פארוואס די תורה רעכנט אויס קודם אמו און נאכדעם אביו, ווייל געווענליך לעבט דער מאן לענגער ווי די פרוי, לכאורה איז אבער שווער אז מיט עטליכע פסוקים שפעטער שטייט יא "לאביו ולאמו לא יטמא", קודם אביו און נאכדעם אמו.

ווערט געברענגט א הערליכער תירוץ אז דער פסוק שפעטער רעדט זיך פון א כהן גדול, און אין אלגעמיין ווער ווערט א כהן גדול, א כהן וואס זיין טאטע איז געווען דער כהן גדול, און ער איז נפטר געווארן ווערט דער זוהן דער כהן גדול אויף זיין פלאץ, ווי מיר האבן געלערנט אין פרשת אחרי, "והכהן המשיח תחתיו מבניו, ממילא קומט געווענליך אויס ביי א כהן גדול די הלכות פון טומאת אב פאר טומאת אם, ווייל אפילו אויב די מאמע איז פריער געשטארבן, איז ער דאך אבער דעמאלטס נאכנישט געווען דער כהן גדול, וועגן דעם שטייט ביי כהן גדול קודם "אביו" און נאכדעם "אמו".

מיט דעם ווערט אויך פארענטפערט א שיינע קשיא וואס מען פרעגט אויף דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת מכות (דף יא.) אז די תורה זאגט אז איינער וואס האט בשוגג גע'הרג'ט א מענטש דארף גיין אין ערי מקלט און דארט בלייבן ביז ווען דער כהן גדול שטארבט, זאגט די גמרא אז די מאמע פונעם כהן גדול פלעגט טראגן עסן און קליידונג פאר די מענטשן פון ערי מקלט, כדי זיי זאלן דארט זיין באקוועם, און נישט מתפלל זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבן, איז די קשיא, פארוואס האט פונקט די מאמע געטראגן די זאכן, און נישט דער טאטע פון כהן גדול?

נאר לויט די סברא איז פארענטפערט די קשיא, ווייל רוב כהנים גדולים האבן שוין נישט געהאט קיין טאטעס ווען זיי זענען אויפגענומען געווארן צו די כהונה גדולה, דעריבער זענען געגאנגען די מאמעס. **(הג"ר יעקב געזונדהייט מווארשא ז"ל)**

**וספרתם לכם ממחרת השבת וגו' תמימות תהיינה.** ופירש"י מלמד שמתחיל ומונה מבערב שאם לא כן אינן תמימות, וי"ל דמבואר בגמרא לעתיד לבוא יאמר הקב"ה ליצחק אבינו בניך חטאו ויאמר יצחק כמה שנותיו של אדם שבעים שנה דל עשרים וכו' דל כ"ב דלילות וכו' עיי"ש, הרי לן דאצל הרשעים צריכים לקצר שנותיהם כדי להמליץ זכות על מעשיהם הרעים, אבל בצדיקים מוסיפים לילות כימים דאף הלילות

נקבעו כדי לתת כח לעבוד את ה', ונודע מ"ש בספה"ק דהשבע שבועות בין פסח לשבועות הם כנגד שנותיו של אדם שבעים שנה, וזה שפירש"י מלמד שמתחיל ומונה מבערב שאל"כ אינן תמימות ור"ל כיון דרמז בזה הז' שבועות על ימי חייו של אדם, וע"כ מתחיל ומונה מבערב והוא לרמז שגם הלילות בצדיקים נחשב במספר, דאל"כ אינן תמימות, שצריכים לקצר משנותיהם, אבל בצדיקים הם מוסיפים גם הלילות והם ושנותיהם תמימים. וע"ז איתא במדרש אימתי הן תמימות ואין צריכין לקצר משנותיהם, בזמן שהן עושין רצונו של מקום, אבל ברשעים אינן תמימות, ולזה ציותה תורה ע"ד הרמז להתחיל למנות מבערב כדי שיהיו שנותיהן של ישראל תמימות. **(עצי חיים)**

**וספרתם לכם וכו' שבע שבועות תמימות תהיינה. ובמדרש אימתי הן תמימות בזמן שישראל עושין רצונו של מקום.** וי"ל דאחז"ל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא והק' המפו' דהרי הקב"ה שומר משמרתה של תורה וכתיב ביומו תתן שכרו, ותי' לפי מה שדרשו חז"ל עה"כ מי הקדמנו ואשלם מי עשה לפני מזוזה ומעקה עד שלא נתתי לו בית וכו' וכיון שכל המצות נעשו ע"י מעשה השי"ת מקודם אינו צריך לשלם בעולם הזה, וכתב בראש דוד כי במדת היראה לא שייך מי הקדמנו ואשלם כי הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים וא"כ על יראת שמים איכא שכר בעוה"ז, ומבואר במס' קידושין דהשכר שיש בעוה"ז הוא אריכות ימים, וז"ש יראת ה' היא תוסיף ימים, שע"י יראת ה' זוכין לאריכות ימים שזה מתנת עוה"ז, וזה ביאור המדרש דכתבו בספה"ק דשבע שבועות תמימות מרומזים על שבעים שנות חייו של אדם בעוה"ז אימתי הן תמימות האיך יזכה האדם לאריכות ימים בעוה"ז שהוא שכר מצוה והרי שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, בזמן שעושה רצונו של מקום דהוא יראת שמים ע"ד הכתוב מה ה"א שואל מעמך כי אם ליראה, ובזמן שעושים רצונו של מקום אפשר לזכות לשכר בעוה"ז. **(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א)**

# עד ממחרת השבת

**דער קאזניצער מגיד זללה"ה אין ספה"ק עבודת ישראל זאגט א טייטש אויפן פסוק "עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמישים יום", אז ביז דעם לעצטן טאג פון ספירה, וואס דאס איז "ממחרת השבת השביעית", איז א איד בכח צו "תספרו חמישים יום", צו מתקן זיין אלעס וואס מען האט געדארפט אויפטון אין די ימי הספירה, און ווילאנג מ'ציילט נאך ספירה האט מען נישט פארשפעטיגט.**

בס"ד

בזכות התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי

# ערציילונג לכבוד יומא דהילולא קדישא פון רשב"י ל"ג בעומר

די שרעקליכע רדיפות קעגן די תלמידי בעל שם טוב זיע"א האט זייער געשטערט פאר דעם הייליגן צדיק, הרה"ק רבי יעקב שמשון פון שפיטיווקא זיע"א, ביז ער האט באשלאסן צו פארלאזן רוסלאנד און ארויפגיין קיין ארץ ישראל, וואו ער וועט קענען דינען דעם הייליגן באשעפער במנוחה.

נאכדעם וואס ער האט זוכה געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל, האט ער זיך באזעצט אין טבריה, און דארט האט ער זיך איינגעשפארט אין א צימער און עוסק געווען אין תורה בייטאג און ביינאכט.

די קהילה אין טבריה האט איעם אפגעגעבן גרויס כבוד, ווייל זיי האבן גוט געוואוסט איבער זיין גרויסע קדושה און ערליכקייט, און זיי האבן אים באזארגט מיט אלע זיינע באדערפענישן,

אין יענער צייט האט געוועלטיגט אין טבריה, דער פאשע פון עכו, וועלכער איז געווען באוואוסט אלס א גרויסער שונא ישראל. די טערקישע רעגירונג האט אים איבערגעגעבן דעם גאנצן געגנט, און ער האט טאקע געטון דארט וואס זיין הארץ האט אים געגלוסט. ער איז געווען א גרויסער אכזר און האט זייער ליב געהאט, און דעריבער האט ער שטענדיג געזוכט וועגן ווי אזוי זיך צו טשעפן מיט די אידן. איינמאל האט ער גוזר געווען אויף די אידישע קהילה אין טבריה אז זיי דארפן באצאלן פאר די רעגירונג א ריזיגן סומע פאר שטייער. דער סומע וואס דער פאשע האט געבעטן איז געווען פיל מער וויפיל עס איז ווערד געווען דאס גאנצע פארמעגן פון אלע אידן אין יענעם שטאט. אבער 'דער שונא ישראל האט געזאגט קורץ און שארף: אויב וועט מען אים נישט איבערגעבן די דאזיגע סומע ביז דער באשטימטער צייט, דאן וועט ער פארטרייבן אלע אידן פון טבריה, אן רחמנות, מענער, פרויען און קינדער, און זיי וועלן דארפן פארלאזן די שטאט.

די אידן פון טבריה האבן גוט געוואוסט אז ביי דעם אכזרוועלן זיי נישט געפונען קיין רחמנות, און זיי זענען זיך צוזאמגעקומען צו טראכטן אן עצה וואס צו טון, און פון וואו צו נעמען אזא גרויסע סומע וואס זיי קענען נישט באצאלן, אפילו אויב זיי וועלן טון אלע ערליי אנשטרענגונגען.

בס"ד

נאכ'ן אסאך איבערטראכטן, האבן זיי באשלאסן צו שיקן א ספעציעלע שליח צו חוץ לארץ וועלכער זאל שאפן געלט פאר "פדיון שבויים" פון די אידישע קהילות איבער דער וועלט. אידן זענען דאך רחמנים בני רחמנים, וועלן זיי געוויס נישט צולאזן אז די טבריה'ער איינוואוינער זאלן פארטריבן ווערן פון זייערע הייזעראון דארפן וואנדערן איןגלות .

ווער זאלן זיי שיקן? אזא וויכטיגע שליח דארף דאך זיין איינער וואס איז פאסיג צו זיין דער שליח זיך פארצושטעלן פאר די טבריה'ער קהילה.

אלע אויפאמאל האבן באשלאסן אז דער צדיק רבי יעקב שמשון איז דער איינציגער וועלכער איז ראוי פאר דעם הייליגן שליחות.

זייער שווער איז געווען פאר דעם שפיטיוקער צדיק זיךאפצורייסן פון זיין לערנען און עוסק זיין אין דעם לאנגן נסיעה, אויף אזא ווייטע וועג. א רייזע וואס איז פארבינדן נישט נאר מיט סכנות נפשות, נאר בעיקר מיט ביטול תורה. אבער דער צרה איז אזוי מגרויס געווען, אזש ער האט זיך נישט געקענט ארויס דרייען דערפון. מען דארף ראטעווען די אידן! רבי יעקב שמשון האט זיך טאקע געפאקט פעק און ארויסגעלאזט אין וועג.

זיין ערשטע סטאנציע איז געווען אין ביירות, וואו עס האט עקזיסטירט א פארצווייגטע קהילה, און דארט איז ער אנגעקומען פרייטיג צופרי.

נישט זוימנדיג לאנג האט ער זיך באלד געשטעלט אין הויז פון רב און די ראשי הקהל, און ער האט געבעטן זיי זאלן באפעלן דעם שמש צו מודיע זיין אלעמען אז מארגן, אום שבת קודש, וועט ער האלטן א דרשה אין בית המדרש.

צומארגנס אינדערפרי איז טאקע יעדער פארזאמלט געווען אין בית המדרש, און רבי יעקב שמשון האטגעזאגט א וואונדערליכע דרשה, אזוינס וואס די קהילה לייט האבן קיינמאל נישט געהערט. איידער ער האט געענדיגט זיין דרשה, האט ער אויסגעבראכן אין א ביטערליכן געוויין:

"רבותי! זאלט איר וויסן, איך בין נישט קיין בעל דרשן, און איך האב קיינמאל נישט געפלאנט צו זיין א בעל דרשן. מיין ציל פון אהערקומען איז גאר עפעס אנדערש. איך בין אייך געקומען מודיע זיין, אז דער אידישער ישוב אין טבריה איז אין א גרויסע צרה,און א גזירת גירוש שוועבט אויף אונז אלע. אויב וועלן מיר נישט האבן גענוג געלט אויסצולייזן דעם ציבור פון די גניבה, דאן וועלן מיר אלע דערפןגיין אין גלות. ביטע האט רחמנות אויף מיר און העלפט אונז, ווייל די צייט איז קורץ, און איך האב שוין נישט גענוג צייט צו פארן צו אנדערע קהילות פאר הילף."

בס"ד

דער גאנצער ציבור האט מיטגעוויינט מיט אים, אבער דער רב און די ראשי קהילה האבן זיך געוואנדן צו אים און געזאגט:

"אונזער קהילה איז זייער א ארעמע, און מיר האבן ניטאמאל גענוג געלט אויסצוהאלטן אונזער קהילה. מיר זענען גרייט אייך ארויסצוהעלפן,

אבער דעם פארלאנגטן סומע קענען מיר נישט צושטעלן, אפילו ווען מיר זאלן פארקויפן אונזער גאנצער פארמעגן."

די שמחת השבת וואס האט געהערשט אין ש/טאט ביז יעצט לכבוד דעם חשוב'ן גאסט איז יעצט צושטערט געווארן, און מיט צובראכענע הערצער נהאט זיך דער עולם צוריקגעקערט יעדער צו זיין היים, וויסנדיג אז די קהילה הקדושה אין טבריה געפונט זיך אין א סכנה.

רבי יעקב שמשון,וועלכער איז געווען דעם רב'ס גאסט, האט זיך אביסל צוגעשפארט נאך דער שבת'דיגער סעודה, און ווען ער האט נאר צוגעמאכט זיינע אויגן, איידער ער איז איינגעשלאפן, האט אים זיך געדאכט אז ער זעט זיין רבי'ן, הרה"ק ר' פינחס'ל קאריצער זיע"א שטיין נעבן אים, מיט אן אויסגעשטרעקטע האנט צו געבן שלום.

דאס אז זיין רבי איז נסתלק געווארן, האט רבי יעקב שמשון זיך שוין דערוואוסט נאך אין טבריה, דורך א מאדנעם חלום.

אין זיין חלום האט ער געזען ווי ער שטייט אין ירושלים נעבן דעם כותל המערבי און דאוונט, און אינמיטן דאווענען האט ער געהאט התגלות השכינה, און די שכינה האט געטרויערט און ביטערליך געוויינט. אין יענער מינוט האט זיך דער צדיק אויפגעוועקט מיט שרעק, און ער איז געקומען צו לויפן אין בית המדרש און געזאגט פאר זיינע חברים:

"רבותי, מיר זענען אבלים. איך האב זיך גע'חלומ'ט אזוי און אזוי. דער קאריצער רבי איז דאך דער צדיק הדור, און אז די הייליגע שכינה וויינט און טרויערט אזוי, מוז זיין אז דער צדיק רבי פינחס'ל קאריצער איז נסתלק געווארן פון דער וועלט." ער האט געריסן קריע, און באוויינט זיין גרויסן רבי'ן, ווי דער צדיק וואלט געליגן און פארנט פון אים.

ווען עס זענען אריבער עטליכע וואכן, איז אנגעקומען א בריוו קיין ארץ ישראל, אז רבי פינחס'ל קאריצער איז טאקע נסתלק געווארן, אין יענעם טאג וואס רבי יעקב שמשון האט געהאט דעם חלום.

און יעצט ווען ער האט געזען דעם צדיק שטיין נעבן אים, האט ער א גרויסע הנאה געהאט, אבער די הנאה האט נישט אוועק גענוממען די זארג פון זיין פנים.

"פארוואס ביסטו אזוי טרויעריג?" האט אים דער צדיק געפרעגט, "עס איז דאך שבת היינט,א יום מנוחה ושמחה."

האט רבי יעקב שמשון דערציילט פאר זיין רבי'ן איבער די גרויסע צרה וואס דראעט די אידן אין טבריה, און אז זייער גאנצער הילף צו געראטעוועט ווערן, איז אנגעהאנגען אין זיין יעצטיגער רייזע. אבער דערווייל האט זיך גארנישט געריקט, און ער וועט דארפן אהיימפארן מיט ליידיגע הענט, ווייל די צייט וואס דער פאשא האט זיי געגעבן,לויפט שוין אויס.

"זארג זיך נישט" האט דער צדיק אים געזאגט, "שבת היא מלזעוק, דער באשעפער האט געווג נוועגן ווי אזוי צו שיקן א ישועה פאר די אידן. לאמיר דיר לערנען וואס דו האסט צו טון, און דורכדעם וועט די ישועה קומען, און גארנישט וועט זיי נישט פאסירן אויב דו וועסט טון גענוי ווי אזוי איך וועל דיר זאגן."

"מארגן זאלסטו דאווענען גאנץ פרי, ביים עלות, און באלד דערנאך גיי ארויס אויפן גאס, און באגלייטער און שטעל זיך ביים ווינקל פון גאס, און זאלסט גוט באטראכטן די דורכגייער. אויב וועסטו זען א בארועס'יגער מאן וואס גייט שנעל, מיט א שטריק ארומגעגארטלט זיינע לענדן, לויף אים נאך, שטרעק אריין דיין האנט אין זיין גארטל און כאפ זיך שטארק אן, לאז אים נישט אפ, ביז ער וועט דיר זאגן ווי אזוי די ישועה וועט קומען פאר די אידן אין טבריה."

אין יענער מינוט האט זיך דער צדיק רבי יעקב שמשון אויפגעוועקט פון זיין דרימל, די טרויער איז פון אים אוועק און א גרויסע שמחה האט איבערגענומען איר ארט.

דער צדיק רבי יעקב שמשון האט אלעמען געטרייסט און מחזק געווען, אז אלעס וועט זיך אויסלאזן לטובה, ווייל דער באשעפער פארלאזט נישט קיינעם,און ער וועט זיכער נישט לאזן אז די הייליגע קהילה אין טבריה וועט חרוב ווערן.

דער רב און די ראשי הקהילה האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם פלוצצים'דיגער טויש וואס איז געשען און דעם מוט פונעם גאסט,וואס מיט עטליכע שעה צוריק איז ער געווען פיל מיט זארג. אבער זיי האבן אים נישט שווער געמאכט מיט פראגעס, אויב האלט ער אז דער מצב איז גוט - איז זיכער גוט.

זונטיג גאר פרי, נאך בעפאר די זון האט אויפגעשיינט, איז שוין דער צדיק געשטאנען אנגעטון מיט תלית און תפילין, און האט געדאוונט מיט גרויס כוונה. יענעם טאג האט ער נישט פארלענגערט מיט זיין דאווענען, כדי ער זאל קענען אויספירן זיין רבי'נס באפעל בשלימות.

אנדעם וואס איינער זאל באמערקן, איז ער ארויסגעגאנגען אויפן גאס, ער האט געשפאנט א קורצן וועג, און דאן ביים ווינקל פון גאס האט ער זיך אפגעשטעלט, און זיך געשטעלט קוקן אויף די דורכגייער.

בס"ד

די וועלכע זענען אריבער אין גאס אין אזא פריע שעה, זענען הויפטזעכליך געווען די אראבער, וועלכע זענען געגאנגען צו זייער טעגליכע ארבעט, טייל פון זיי זענען געגאנגען צו זייער געבעט הויז. ער האט זיי אלע גוט באראכט, זעט אויס אז נישט זיי האט זיין רבי געמיינט. ווען עס איז אריבער א לאנגע ווילע, האט ער פלוצלונג דערזען איינער וואס יאגט זיך, ווי איינער וואלט אים נאכגעיאגט לויט אלע סימנים האט אים אויסגעזען אז ער איז וועמען זיין רבי האט געמיינט.ער איז געלאפן קעגן אים, שטארק אנגעכאפט זיין גארטל און אים נישט געלאזט ווייטער גיין.

"וואס ווילסטו פון מיר ?" האט יענער געפרעגט מיט אויפרעגעניש."שטער מיר נישט ביטע".

"איך ווענד זיך צו אייך אין נאמען פון די אידישע קהילה אין טבריה,"האט אים רבי יעקב שמשון געזאגט,"א גרויסע סכנה שוועבט אויף אונז, און איר קענט אונז העלפן אינעם עת צרה."

"איך קען העלפן?" האט דער מאן איבערגעזאגט די ווערטער פון רבי יעקב שמשון מיט וואונדער,"איך בין א פשוטער מאן, און אפילו מיר אליין קען איך נישט העלפן, און איך האב נישט קיין צייט פאר אייך."

אבער רבי יעקב שמשון איז נישט געווארן געפאלן ביי זיך. אויב וועט יענער נישט מסכים זיין מיט גוטן, וועט ער אים צווינגען דאס צו טון מיט געוואלד און ער האט זיך אנגערופן צו יענעם:

"איך בין גוזר אויף אייך מיט די כח פון די הייליגע תורה און מיט די כח פון קדושת ארץ ישראל, אז דו זאלסט אראפנעמען פון זיך דיין מאסקע און דו זאלסט מיר זאגן ווער דו ביסט. דו מיזט מירהעלפן! איך בין געקומען צו דיר, ווייל אזוי האט מיר געראטן דער צדיק רבי פינחס'ל פון קאריץ."

הערנדיג די ווערטער איז דער פרעמדער אביסל ווייכער געווארן, און ער האט געטוישט זיין הארטע באציאונג. ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט ווייכע רייד, און מיט רחמנות האט ער זיך געבעטן ביי אים ער זאל אים אראפלייגן.

"כאטש פאר איין שעה לאז מיר אפ," האט ער זיך געבעטן, "איך בין יעצט זייער פארנומען, און איך האב א וויכטיגע ארבעט. איך זאג אייך צו אז נאך א שעה וועל איך צוריקקומען צו אייך און ערפילן אייער פארלאנג."

"אפילו פאר איין מוניט וועל איך אייך נישט אפלאזן," האט אים רבי יעקב שמשון געזאגט מיט פעסטקייט."וואו דו וועסט גיין, וועל איך גיין. איך וועל אייך בשום אופן נישט אפלאזן, ביז איר וועט פאר אונז פועל'ן א ישועה."

בס"ד

"אויב דו טוסט זיך אזוי פאר'עקשנ'ען, האט יענער געזאגט,"כאפ גוט אן מיין גארטל, אבער שטארק, און דערשרעק זיך נישט פון אלעס וואס פאסירט פאר אייערע אויגן, ווייל קיין שום שלעכטס וועט אייך נישט פאסירן."

רבי יעקב שמשון האט זיך שטארק אנגעכאפט אין דעם מענטש, אין אזוי האבן זייביידע געשפאנטאין די גאסן, ביז זיי זענען אנגעקומען כמעט אינדרויסן פון שטאט. פלוצלונג זענען אלע הייזער פונעם שטאט און אירע איינוואוינער פארשוואונדן געווארן פון זייערע אויגן. ער האט געזען נאר וויסטע פעלדער און ער האט נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן איבער וואס עס קומט פאר, ווייל ער האט זיך באלד געפונען אינעם דערפל "מירון" אין ארץ ישראל, אין הויף פונעם קבר פון רבי שמעון בר יוחאי.

האט דער הייליגער ארט איז גוט באקאנט געווען פאר רבי יעקב שמשון,וויל דא האט ער באזוכט באלד נאכדעם וואס ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, און הערשט נאכדעם, אינעם טאג פון ל"ג בעומר, אינעם טאג פונעם יארצייט פונעם געטליכן תנא, וועלכער האט פארפאסט דעם זוהר הקדוש. רבי יעקב שמשון האט נישט געפרעגט קיין קשיות, נאר האט געווארט צו זען מיט שפאנונג וואס וועט ווייטער געשען.

"יעצט מוזטו מיר אפלאזן," האט דער פרעמדער מאן געזאגט פאר רבי יעקב שמשון,"איך דארף אליין אריינגיין אין דעם הייליגן מערה פון רבי שמעון בר יוחאי,און דו טארסט נישט מיטקומען ווען איך בין דארט. שטיי דא אינדרויסן אוןווארט ביז איך וועל צוריקקומען, איך וועל זיך נישט לאנג זוימען אינעווייניג."

אומגעדולדיג האט רבי יעקב שמשון געווארט אין הויף פונעם מערה, יעדע מוניט האט אים אויסגעזען ווי א גאנצער יאר, יעצט האט ער שוין פארשטאנען אז ער האט דא צוטון מיט א צדיק נסתר, זיכער איינערפון די ל"ו צדיקים, און ער איז זיכער געווען אז דער צדיק וועט ברענגען די ישועה פאר די טבריה קהילה,אבער ווי אזוי? דאס האט ער נישט געקענט טראכטן.

נאך א ווײלע איז דער באהאלטער צדיק ארויס געקומען פונעם הייל מיט פארטרערטע אויגן, א סימון אז ער האט דארט עוסק געווען מיט תפילה ותחנונים אבער דאך זיין פנים האט געשיינט פון שמחה, ווייל זיין תפילה איז אנגענומען געווארן.

"דו קענסט שוין זיין רואיג," האט אים דער צדיק געזאגט, "ווייל דער גזירה איז בטל געווארן. דער פאשע איז געשטארבן מיט א מיתה משונה, און ווי דער געזעץ איז, ווערן דאך בטל אלע זיינע גזירות.."

הערשט יעצט האט רבי יעקב שמשון באמערקט אז דער צדיק טראגט א ספש הינטער'ן ארעם.

בס"ד

"וואס איז דער ספר וואס איר האלט?" האט ער זיך געוואגט צו פרעגן.

"דאס איז דער ספר זוהר וואס דער צדיק רבי שמעון, וואס ליגט באהאלטן אין דעם מערה, האט פארפאסט," האט יענער געענטפערט."איך לערן אסאך אין דעם ספר. און אויב איך פארשטיי אמאל נישט עפעס פון די באהאלטענע סודות אין דעם ספר, קום איך דא אהער פרעגן דעם מחבר וואס זיין כוונה איז מיט די ווערטער, און שטענדיג טוט ער מיר דאס ערקלערן, אז איך זאל דאס קענען פארשטיין, אויך יעצט בין איך געקומען צולחיב א שטיקל וואס איז מיר שווער געווען אין זוהר, און נאכדעם וואס דער צדיק האט מיר עס ערקלערט האב איך אים דערציילטאז א טבריה'ער איינוואוינער שטייט דא אינדרויסן און בעט זיין הילף פאר די קהילה אין טבריה וועלכע געפונען זיך אין א שווערע סכנה, צוליב די גרויסע אכזריות און רשעות פון דעם פאשע.

"דאן האב איך געהערט ווי רבי שמעון ענטפערט:'עס זאל זיין ווי דער ווילן פון באשעפער, אז דער פאשע זאל שטארבן מיט א מיתה משונה און דער גזירה זאל בטל ווערן' איך בין זיכער אז זיין תפילה איז באלד אנגענומען געווארן.

"יעצט דארף איך זיך אומקערן צו דעם ארט פון וואו איך האב דיר גענומען," האט דער צדיק נסתר געזאגט פאר רבי יעקב שמשון פון שפיטיווקע,"שטעק נאכאמאל אריין דיין האנט אין מיין גארטל און כאפ עס אן, אזוי ווי דו האסט געטון אויפן וועג אהער."

רבי יעקב שמשון האט אזוי געטון, און ביז א קורצע צייט זענען זיי ביידע געשטאנען אינמיטן גאס, פונקט דארט ווי זיי האבן זיך געטראפן.

ווען רבי יעקב שמשון האט זיך אומגעקערט קיין טבריה, האט ער געהערט אז טאקע פונקט אין יענעם טאג איז דער פאשע געשטארבן מיט א מיתה משונה און דער גזירה איז בטל געווארן אין זכות פון רבי שמעון בר יוחאי.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# ענינים בימי הספירה

- לפי סדר הא"ב -

**שרייב אריין ביי די לינקע זייט די ריכטיגע נומער**

1) **א**ידרא (רבה ואידרא זוטא)
2) **א**מר רבי עקיבא
3) **ב**ה"ב
4) **ב**רך משה
5) **ג**לוח השערות
6) **ד**ברי חיים
7) **ה**וד שבהוד
8) **ה**דלקה
9) **ו**אמרתם כה לחי
10) **ז'** ספירות
11) **ז**והר הקדוש
12) **ח**אלאקה
13) **ט**בריה
14) **י**ום המיוחס
15) **כ**"ה ניסן
16) **כ**"ו ניסן
18) **ל**א נהגו כבוד זה בזה
17) **מ**וריד הטל
19) **נ**יגונים עם מוזיק
20) **ס**פירת העומר
21) **ע**רב ראש חודש סיון
22) **פ**סח שני
23) **ק**שת
24) **ר**בי שמעון בר יוחאי
25) **ר**מ"א
26) **ש**החיינו
27) **ש**לשת ימי הגבלה
28) **ת**מימות

הזוהר הק' מדבר מיום פטירת רבי שמעון

יום ל"ג בעומר נקרא כך

היארצייט של הרה"ק מצאנז זי"ע

הניגון מדבר מגדלותו של רבי שמעון

תלמידי רבי עקיבא

עושים כשילד נעשה 3 שנים

תענית של יום ב' ויום ה' ויום ב'

מזמרים הניגון בל"ג בעומר לפי שהי' רבו של רשב"י

חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות

ספרו של רבינו הקדוש והטהור זי"ע ועכי"א

מנהג האר"י לאסור עד ערב שבועות

ספרו של הרה"ק מצאנז זכותו יגן עלינו

עושים בליל ל"ג בעומר

התורה שגילה רבי שמעון בר יוחאי

רבי שמעון טיהר את העיר ___________

ב' סיון נקרא כך

היארצייט של רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

י"ד באייר (לאנשים שהיו טמאים בפסח)

יום היארצייט שלהם הל"ג בעומר

מתחילים לומר ביום טוב פסח

3 ימים לפני שבועות

שבע שבתות ___________ תהיינה

אסור לשמוע בימי הספירה

מתפללים תפילת השל"ה

כל ימיו אשר [רבי שמעון] חיה אות ה__________ לא נהיה

מצוה הנוהגת בימי הספירה

אסור לאומרו בימי הספירה

**טֵייעֶרֶע יוּנְגֶל, הֵייבּ אָן צוּ גֵיין פוּן דִי אוֹתִיוֹת ו' און מ' וָואס אִיז בֵּיי דִי צְוֵויי זֵייטְן פוּן דִי קֶעסְטְל**

**חידושי תורה - פרשת אמור**

בס"ד

**און טְרֶעף אוֹיס דִי פְּסוּקִים:**

# וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה:

# עַד מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַד':

| עַ | | | | | | | | | | | | וְ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | מִ | מָ | חֳ | רַ | וְ | הִ | קְ | רַ | ע | מִ | נְ | הֶ | סְ |
| ת | בָּ | שַּׁ | הַ | ת | ם | ה | רְ | בְ | תֶּ | ם | חָ | ה | פַּ |
| הַ | שִּׁ | י | ם | י | וֹ | נָ | מ | תְּ | הַ | ר | ז | חֲ | רְ |
| שְׁ | מִ | תְּ | מִ | י | מֹ | י | יֶ | נ | ו | מֶ | עֹ | דָ | תֶּ |
| בִ | חֲ | ת | י | זְ | ת | תִּ | הְ | ה | פָּ | ו | ת | שָׁ | ם |
| י | ו | וֹ | ת | בָּ | שַּׁ | ע | בַ | שֶׁ | ק | ם | אֶ | ה | לָ |
| עִ | ר | פְּ | י | וֹ | ם | הֲ | בִ | י | אֲ | כֶ | ד | ל | כֶ |
| ת | תִּ | סְ | מִ | ת | בָּ | שַּׁ | הַ | ת | רַ | חֳ | מָ | מִ | ם |

**וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירֶה**

פַארְוָואס טָאר מֶען עֶס נִישְׁט טוּהְן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירֶה?

- ❑ וַוייל דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן
- ❑ וַוייל סְ'אִיז מוּקְצֶה
- ❑ וַוייל דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן

**אונזער תורה קוואל - פרשת אמור**